דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ואתחנן (נחמו)

מכון באר האמונה

בס"ד

דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA)
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

זיך איינצושרייבען

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

יו"ל ע"י מכון באר אמונה

2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

אינהאלט

ואתחנן

נחמו נחמו עמי - שטאַרקט איך, דער אויבערשטער איז מיט אונז .... ד
ושמור נפשך מאד - דער ערשטער פון אַלע גדרים איז שמירת עינים ....יח
חמשה עשר באב - זיך שטאַרקן מיט לימוד התורה און תשובה ....יט

ספה"ק בת עין

אָכֵן יֵשׁ לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה מען קען עס מסביר זיין אויף די וועג, **שֶׁכָּל עִיקַּר מֵהַתּוֹרָה וּמַעֲשֵׂה הַמִּצְווֹת הוּא לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ בְּחִינַת הַשְׁרָאַת שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ** די גאנצע עיקר פון די תורה און טאהן די מצוות איז כדי ממשיך צו זיין אויף זיך די רוהינג (השראה) פון די שכינה.

וְהִנֵּה לָבֹא לִבְחִינַת הַשְׁרָאַת שְׁכִינָתוֹ יִתְבָּרַךְ און כדי צוצוקומען צו די בחינה אז ס'זאל רוהען די שכינה אויף די מענטש, **הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת הַכְנָעָה וְשִׁפְלוּת בֶּאֱמֶת** איז דורך זיך האלטען באמת קליין און אונטערטעניג, **וְלֵידַע שֶׁכָּל בְּחִינַת מַחֲשָׁבָה וְדִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁלּוֹ הַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵחֵי הַחַיִּים בָּרוּךְ הוּא** און צו וויסען אז זיין גאנצע 'טראכטען און רעדן און טוהן' (מחשבה דיבור ומעשה) אלעס קומט פונעם באשעפער וואס ער איז די מקור פונעם לעבן, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (נחמי' ט, ו) **'וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כּוּלָּם'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און דו (באשעפער) גיבסט לעבן פאר יעדן'.

וְאָז כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת עֲנָוָה אֲמִיתִּית און דעמאלסט ווען א מענטש איז אין א אמת'דיגע ענוה, **אָז הוּא גּוֹרֵם לְהַמְשִׁיךְ עָלָיו שֶׁפַע בְּחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** דעמאלסט ברענגט דער מענטש צו אז עס זאל אראפקומען אויף אים א שפע פון קדושה - און די שכינה רוהט אויף אים.

(פרשת ואתחנן, ד"ה אנכי עומד)

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

ואתחנן - נחמו

נחמו נחמו עמי - שטאַרקט אייך, דער אויבערשטער איז מיט אונז

היינטיגן שבת וועלן מיר אי"ה לייענען די הפטורה פון ישעיה (קאפיטל מ) 'נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם'. עס שטייט אין ילקוט שמעוני (ישעיה רמז תמה) 'יאמר אלוקיכם', זאָגט רבי חנינא בר פפא, די אידן האָבן געזאָגט צו ישעיה הנביא, 'ישעיה, אונזער רבי, אפשר ביסטו געקומען טרייסטן נאָר יענעם דור וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן'? האָט ישעיה געענטפערט, 'איך בין געקומען טרייסטן אַלע דורות'. דער פּסוק זאָגט נישט 'אמר' אלוקיכם, נאָר 'יאמר' אלוקיכם, עכ"ל.

זעהען מיר פון דעם, אַז יעדעם יאָר, באַלד נאָך די טעג פון 'בין המצרים', ווען אידן טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף גלות ישראל, גייט אַרויס אין הימל אַ 'בת קול' וואָס רופט אויס, 'נחמו נחמו עמי'!

וועט מען פרעגן: ווי אַזוי קענען מיר זיך טרייסטן און שטאַרקן? 'עבר קציר, כלה קיץ, ואנחנו לא נושענו'. עס גייט אַדורך נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און מיר זענען נאָך אַלץ נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות.

זאָגט הרה"ק בעל 'חסד לאברהם' זי"ע פון ראדאמסק (פ' ואתחנן, ד"ה 'בצר לך'), אַז דער פּסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ד, ל) 'בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה באחרית הימים'. דער פּסוק קומט אונז זאָגן, אַז כאָטש 'בצר לך' - יעצט זעהט אויס אַז דו געפינסט זיך אין אַן ענגען מצב, מיט צרות און יסורים ל"ע בכלל ובפרט, ה' ירחם, אָבער 'באחרית הימים', שפּעטער, וועסטו אויסגעפינען אַז די אַלע שווערע און ביטערע יסורים זענען נאָר געווען אַ 'מציאה', און אַ גרויסער אוצר, נאָר ביז יעצט איז דער אוצר געווען באַהאַלטן אין די הסתרה[א].

א. דער ראָפּשיצער רב זי"ע שרייבט אין 'זרע קודש' (ד"ה 'או יאמר ואתחנן'), די ראשי תיבות פון די ווערטער 'נחמו נחמו עמי', זענען 'ענן', אַ 'וואָלקן'. די אַלע שלעכטס און מיטמאכנישן זענען באמת אַ טובה, כאָטש יעצט איז עס באַהאַלטן אין דעם 'חושך **ענן** וערפל', אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (איכה ג, מד) 'סכותה **בענן** לך', אָבער

שרייבט דער 'חסד לאברהם': פונקט אַזוי ווי דער מענטש פרייט זיך ווען ער געפינט אַ פארלוירענע זאך, אַזוי וועט דער מענטש זיך פרייען מיט דעם צער וואָס ער האָט פריער געהאַט, ווייל שפּעטער וועט ער זעהן אַז אַלעס איז געווען פאַר זיין טובה[ג].

לויט דעם, איז פאַרשטענדליך דער פסוק, 'נחמו נחמו עמי'. דער נביא זאָגט צו די אידן אַז זיי זאָלן זיך טרייסטן, ווייל עס וועט קומען אַ טאָג ווען זיי וועלן זעהן 'יאמר אלוקיכם' - אויך דאָס וואָס האָט אויסגעזעהן אין זייערע אויגן ווי די מדה פון דין ח"ו, פון שם אלוקים ('אלוקיכם'),

---

לעתיד לבוא וועט דער 'וואָלקן' זיך אויסשפּרייטן, און אַלע וועלן קלאָר זעהן אַז אַלעס איז געווען נאָר אַ טובה. 'נחמו נחמו עמי'.

[אויך קען מען זאָגן אַ רמז, אַז נאָר יעצט, ווען מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין גלות, שטייען מיר נאָך אַלץ ביי די **'ראשי' תיבות** פון די ווערטער 'נחמו נחמו עמי', וואָס זענען 'ענן', אָבער ווען עס וועט קומען די צייט און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן בקרוב, וועט מען **'עפענען'** די 'ראשי תיבות', און מ'וועט אַרויסזאָגן קלאָר די ווערטער 'נחמו נחמו עמי'].

ב. אַזוי זאָגט דער 'תפארת שלמה' (לר"ה, ד"ה 'ויאמר'), אידן זענען מאמינים בני מאמינים, און **מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז דער גלות איז אַ פאַרהוילענע זאַך, וואָס מ'קען עס נישט פאַרשטיין, און לעתיד וועט יעדער איינער וויסן אַז עס איז געווען צום גוטן**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צו, יא) 'ישמחו השמים ותגל הארץ' וגו'. דאָס וואָרט **'ותגל'**, האָט די זעלבע אותיות ווי דאָס וואָרט **'גלות'**, עכ"ל.

עטליכע טעג איידער דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, איז אומגעקומען אויף קידוש השם (י"א תמוז תש"א), ווען ער האָט זיך געפונען אין קאָוונער געטאָ, האָט אַ איד איהם געפרעגט, 'על מה עשה ה' ככה'. פאַרוואָס ליידן אידן אַזעלכע שרעקליכע צרות, ה' ירחם?

האָט רבי אלחנן וואַסערמאַן געענטפערט, מיט א משל: ס'איז געווען אַ מענטש וואָס האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן ווי אַזוי מ'באַאַרבעט אַ פעלד, און ער האָט געבעטן אַ פעלד-אַרבעטער ער זאָל איהם אויסלערנען די אַרבעט. האָט דער פעלד-אַרבעטער איהם געזאָגט, 'קום אַרויס מיט מיר אויפ'ן פעלד'. דאָרט האָט דער פעלד-אַרבעטער, אַ דאָרפסמאַן, געפרעגט זיין נייעם 'תלמיד', וואָס האָט זיך געוואָלט אויסלערנען, וואָס זעהסטו דאָ? האָט יענער געענטפערט, איך זעה אַ שטיק פעלד פול מיט וואַקסנדיגע גראָזן. דאַן האָט דער אַרבעטער גענומען אַן אַקער-אייזן, אויסגעאַקערט און אויסגעריסן אַלע שיינע געוויקסן, אַזוי אַז דער שיינער גרינער פעלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָסטן שטיק ערד, אָן קיין טעם וריח...

דערנאָך האָט ער דאָרט אויסגעגראָבן עטליכע גריבער. האָט דער 'תלמיד' זיך געוואונדערט: פאַרוואָס מאַכסטו קאַליע דאָס פעלד מיט דיינע אייגענע הענט? האָט דער פויער איהם געענטפערט מיט איין וואָרט: '**סבלנות**'...

צומאָרגענס, איז דער פעלד-אַרבעטער צוריקגעקומען אויפ'ן פעלד, און ער האָט איינגעלאַדן זיין נייעם תלמיד צו קומען מיט איהם אין פעלד. ער האָט גענומען אַ זאַק פול מיט קערנדלעך פון ווייץ, און דאַן האָט ער געפרעגט זיין תלמיד: וואָס זעהסטו יעצט? האָט ער געענטפערט, אַז ער זעהט אַ זאַק מיט קערנדלעך פון ווייץ. האָט דער פעלד אַרבעטער גענומען דעם זאַק, און אויסגעשפּרייט די קערנדעלעך, אַריינוואַרפנדיג עס אין די גריבער וואָס ער האָט אַ טאָג פריער אויסגעגראָבן, און דערנאָך האָט ער עס פאַרדעקט מיט ערד.

האָט דער תלמיד זיך ווידער געוואונדערט, נישט גענוג אַז דו האָסט נעכטן אויפגעאַקערט דעם גאַנצן בליענדיגן פעלד, האָסטו היינט געטוהן נאָך אַ נאַרישן שריט, צו נעמען גוטע קערנדלעך און זיי באַגראָבן אין דער ערד... פאַרוואָס טוסטו פאַרשווענדען דיין געלט אָן קיין שום סיבה? האָט דער פעלד-אַרבעטער איהם ווייטער געגעבן דעם זעלבן ענטפער ווי אַ טאָג פריער: '**סבלנות**'...

עטליכע חדשים שפּעטער, האָט דער פעלד-אַרבעטער איינגעלאַדן זיין 'תלמיד' אַרויסצוקומען מיט איהם צום פעלד אַ דריטן מאָל. זיי האָבן געזעהן אַז דאָס פעלד איז פול מיט גרינע שטעקעלעך וואָס וואַקסן אין גראָדע מסודר'דיגע שורות. האָט דער תלמיד געזאָגט: ווייזט אויס אַז איך האָב געהאַט אַ טעות ווען איך האָב דיך קריטיקירט, ווייל יעצט זעה איך אַז דאָס פעלד איז שענער ווי ס'איז געווען פריער... האָט דער דאָרפס פויער איהם געזאָגט: דו דאַרפסט נאָך אַלץ האָבן **סבלנות**...

אַ צייט שפּעטער, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין פעלד צום פערטן מאָל, און דאָס מאָל זענען די ווייצלעך שוין געוואַקסן נאָך מער, זיי זענען שוין געווען 'פעט', פול מיט קערנדלעך, און דער בעה"ב האָט זיך גענומען שניידן די ווייץ מיט אַ מעסער. האָט דער תלמיד ווידער געשריגן, פאַרוואָס טוסטו קאַליע מאַכן דאָס פעלד?... און דער פעלד-אַרבעטער האָט איהם ווידער געענטפערט: '**סבלנות**'... דער בעה"ב האָט פאָרגעזעצט די אַרבעט און צוזאַמענגענומען די גאַנצע תבואה און געמאַכט דערפון אַ גרויסן בינטל, און אָנגעהויבן קלאַפּן אויף די תבואה, כדי אָפּצוטיילן די קערנדלעך פון די שאָלעכטס. דערוויל איז דער 'תלמיד' געשטאַנען מיט אָפענע אויגן און געשטוינט... צום סוף, האָט דער פעלד-אַרבעטער גענומען די קערנדלעך און זיי אַריינגעלייגט אין אַ מאַשין, און ער האָט זיי גוט צעריבן ביז ס'איז געוואָרן דערפון מעהל. ביי דעם תלמיד אין די אויגן, האָט עס אויסגעזעהן ווי ווייסע שטויב וואָס איז געוואָרן שמוציג... און ער האָט ווייטער געשריגן אויף זיין 'רבי'ן': פאַרוואָס

האָסטו גענומען די ווייץ און עס פאַרוואַנדלט אין שטויב און ערד... דער 'רבי' האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטן ביי זיינס: '**סבלנות**'...

דאַן האָט ער גענומען וואַסער און עס אַריינגעגאָסן אינעם מעהל, און געמאַכט דערפון אַ טייג. די גאַנצע צייט, האָט דער תלמיד נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר... וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו מאַכן דאָ בלאָטע פון ווייץ... דערנאָך האָט דער 'רבי' אויסגעקנעטן דאָס טייג עס זאָל אויסזעהן ווי אַ ברויט, און עס אַריינגעלייגט אינעם אויוון. יעצט האָט דער 'תלמיד' זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן, און ער האָט געשריגן אויפ'ן פעלד-אַרבעטער: שוין אַ לענגערע צייט אַרבעטסטו אויפ'ן פעלד, ביז דו האָסט ענדליך 'באַוויזן' צו מאַכן ברויט פון בלאָטע, און יעצט נעמסטו גאָר דאָס ברויט און דו וואַרפסט עס אַריין אין פייער, עס זאָל אינגאַנצן פאַרברענט ווערן... אָבער דער פעלד-אַרבעטער האָט ווייטער געהאַט פאַר איהם דעם זעלבן ענטפער: '**סבלנות**'...

מן הבאר

דער בעל התניא זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס די וועלט פירט זיך צו פאָרן זיך אָפּצורוהען ביים ברעג ים, אָדער ביי די בערג, ווייל דער גאַנצער בלבול הדעת פון מענטש קומט דאָך צוליב דעם ווייל עס פעלט איהם אמונה. ער אנערקענט נישט אַז אַלעס איז פון הימל, און אַז דער מענטש טוט גאָרנישט אַליין. ער איז נישט בכח אַוועקצונעמען עפּעס פון זיין חבר, אָדער איהם צו געבן עפּעס... דער ים אָדער דער באַרג, שטייען פונקט אַזוי ווי זיי זענען באַשאַפן געוואָרן פונעם אויבערשטען, 'יוצר הרים ובורא רוח'. צוליב דעם, **ווען דער מענטש זעהט די מחזה פון די דאָזיגע ערטער, ווערן זיינע 'נערוון' רואיגער, ווייל ער זעהט דעמאָלס איין ווי אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.**

אַ פאָר מינוט שפּעטער, איז אַרויסגעקומען פונעם אויוון אַ געבאַקענער ברויט, מיט אַ גוטן געשמאַק, וואָס דער ריח דערפון דערגרייכט גאָר ווייט... דאַן האָט דער 'רבי' איינגעלאַדן זיין 'תלמיד' צו אַ סעודה, און ער האָט איהם געגעבן צו עסן פונעם ברויט, צוגעבנדיג: נו, **יעצט פאַרשטייסטו שוין?!...**

דער נמשל איז קלאָר בתכלית הפּשטות: מיר, אידן - מיט אונזער קורצזיכטיגקייט און קליינעם פאַרשטאַנד - זענען ליידער נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין די הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און מיר וואונדערן זיך און שרייען **פאַרוואָס וואַרפט דער אויבערשטער אַלעס אַריין אין פייער...** חוסה על עמלך... נאָר ווען מיר וועלן

איז גאָר געווען לטובה ('יאמר' מיינט אַ ווייך לשון, פון לשון 'אמירה רכה'), ווייל עס שטאַמט אין איר שורש פון די מדה פון רחמים.

הרה"ק רבי ברוך'ל מעזיבוזשער זי"ע זאָגט, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ד, לד) 'ככל אשר עשה לכם ה' אלוקיכם במצרים לעיניך': אַלע 'במצרים' - ענגשאַפטן, וואָס אַ מענטש האָט, אַלע שוועריגקייטן וואָס ער ליידט, זענען אַ רעה נאָר 'לעיניך' - אין דיינע אויגן, זעהען זיי אויס ווי ענגשאַפטן, אָבער באמת זענען זיי אַ טובה. (ספר 'בוצינא דנהורא')

אַזוי טייטשט אויך דער 'שפת אמת' (פרשתינו) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ד, ז) 'כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו בכל קראינו אליו'. אויך ווען דער אויבערשטער פירט זיך מיט אַ בחינה פון מדת הדין ח"ו ('אלוקים'), איז עס אָבער באמת נאָר אַ טובה, ווייל דער אויבערשטער איז נאָנט צו יעדן איד, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים עג, א) 'אך טוב לישראל אלוקים לברי לבב'. דער אויבערשטער פירט זיך מיט די אידן נאָר מיט גוטס, מיט די מדה פון רחמים[ג].

דער קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט ('עבודת ישראל', פ' דברים, ד"ה 'הנה'), חז"ל זאָגן, אַז תשעה באב ביי מנחה דאַרף מען לייגן תפילין. דער טעם דערפון איז, ווייל עס קומען נייע 'מוחין', צו טרייסטן אידישע קינדער (עיי"ש).

זוכה זיין צו די גאולה און משיח וועט קומען אונז אויסלייזן פון גלות, וועלן מיר וויסן און פאַרשטיין די סיבה פון אַלע פאַסירונגען אין צייט פון גלות. אָבער **ביז דעמאלס, מוזן מיר זיך אָנגאַרטלען מיט אמונה און סבלנות, צו גלייבן אַז אויך דאָס וואָס זעהט אויס ווי אַ חורבן ח"ו, איז אַ טייל פון דעם פראָצעס וואָס וועט שפּעטער ברענגען טובות פאַר אידישע קינדער** (ספר 'קובץ מאמרים ואגרות', ח"ב, ע' רכד).

ג. די בעלי הרמז זאָגן, חימ"ה איז ראשי תיבות **ח**סד **י**' **מ**'לאה **ה**'ארץ. דאָס איז אַ רמז, אַז אויך ווען עס זעהט אויס ווי אַ בחינה פון **'חימה'** (צאָרן) ח"ו, איז די וועלט אויך פול מיט'ן **חסד** פון באַשעפער...

עס האָט מיר דערציילט דער בעל העובדא, אַז ער האָט געבאָרגט פון זיין חבר, אַ גרויסן סכום געלט. ווען ס'איז געקומען די צייט צו באַצאָלן דעם חוב, האָט דער לוה נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן, טראָץ די הפצרות פון דעם מלוה אַז ער זאָל איהם באַצאָלן דעם חוב. ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער מלוה איז שוין געווען גרייט מוותר צו זיין אויף אַ חלק פונעם חוב, כדי צו באַקומען כאָטש דעם איבריגן טייל דערפון. דער לוה האָט אָבער נישט געהאַט צו באַצאָלן אויך אַ טייל פונעם חוב.

פונקט דאַן האָט דער מלוה געדאַרפט באַצאָלן געלט וואָס ער איז געווען שולדיג פאַר די שטייער באַאמטע, אָבער ער האָט נישט געהאַט דאָס געלט צו באַצאָלן, און כאָטש געווענליך טוט יעדער בר-דעת אַלעס מעגליכעס נישט צו האָבן צו טוהן מיט די באַאמטע פון שטייער, און אָפט מאָל באָרגט מען אַפילו געלט, כדי פּטור צו ווערן פון די שטייער-מאָנער. אין דעם פאַל, האָט אָבער דער מלוה פאַרנאַכלעסיגט דאָס ענין צוליב זיינע טירדות, און ער האָט נישט באַצאָלט דעם חוב פון די שטייערן.

אַ צייט שפּעטער, האָט זיין בוכהאַלטער ('בוקיפּער' בלע"ז) זיך פאַרבונדן מיט איהם, און איהם געזאָגט די גוטע בשורה, אַז ער האָט געפונען אַ געוויסן פונקט אין די שטייער-געזעצן, וואָס באַפרייט איהם אינגאַנצן פון די שטייער-צאָלונגען אויפ'ן גאַנצן יאָר, און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער מלוה האָט זיך זייער שטאַרק געפרייט מיט די בשורה.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט דער לוה באַצאָלט פאַר דעם מלוה דעם גאַנצן חוב, ביז די לעצטע פּרוטה. **ערשט דאַן** האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אדרבה, דייקא ווייל דער לוה האָט נישט באַצאָלט די הלוואה אין צייט, איז זיין געלט געראַטעוועט געוואָרן, ווייל אויב ער וואָלט געהאַט ביי זיך געלט, וואָלט ער דאָך געהאַנדלט 'מיט שכל', און ער וואָלט באַצאָלט דעם חוב פאַר די שטייערן תיכף ומיד.

דער מלוה האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צו אונז: איך האָב דאָך געהאַט אַזוי פיל צער און עגמת נפש, פון דעם וואָס דער לוה האָט פאַרשפּעטיגט מיר צו באַצאָלן דעם חוב, און איך האָב גאָרנישט געוואוסט אַז **איך דאַרף זיך פרייען יעדן טאָג וואָס ער האַלט זיך צוריק פון באַצאָלן**, ווייל ער איז דאָך נישט מער ווי אַ 'שומר', וואָס האַלט פאַר מיר דאָס גאַנצע געלט, אַז ווען עס וועט קומען די צייט דערפאַר, זאָל איך בלייבן מיט'ן געלט.

אין הויז פון דעם באַקאַנטן חסיד רבי שמואל מונקיס זצ"ל, אַ תלמיד פון הייליגן בעל התניא זי"ע, האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ שרעקליכע שריפה רח"ל, און רבי שמואל איז געבליבן בעירום ובחוסר כל ל"ע. ער האָט קוים באַוויזן צו ראַטעווען אַ פלעשל בראָנפען. איז ער באַלד געלאָפן דערמיט אין ביהמ"ד אַריין, כדי צו מאַכן אַ 'לחיים'. ביים 'לחיים', האָט רבי שמואל זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פרייליכן טאַנץ, זינגענדיג, 'שלא עשני גוי'... 'שלא עשני גוי'... זיינע ידידים האָבן שוין מורא באַקומען, מי יודע, ווער ווייסט צי עס האָט איהם נישט געשאַדט גייסטיש ח"ו, צוליב דעם גרויסן צער וואָס ער האָט געהאַט איבער די שריפה. האָט רבי שמואל זיי געזאָגט:

- איך פריי מיך, ווייל אויב איך וואָלט געווען אַ גוי ח"ו, וואָס די גוים בוקן זיך צו זייערע פאַלשע געטשקעס, וואָלט דאָך אויך מיין 'גאָט' געוואָרן 'פאַרברענט' ביי די שריפה... איך בין דאָך אָבער אַ איד, און מיין גרויסער באַשעפער לעבט אייביג.

דאַרף איך איהם דאַנקען דערפאַר מיט'ן גאַנצן האַרץ, און צוליב דעם טאַנץ איך און איך זינג, מיט די ברכה 'שלא עשני גוי'...

צדיקים האָבן געזאָגט אַ טעם, אַז צוליב דעם לייענען מיר די 'עשרת הדברות' אין פרשת יתרו, ווען ס'איז ווינטער - ס'איז קאַלט אינדרויסן, און אויך אין זומער, פרשת ואתחנן, כדי צו דערמאנען דעם מענטש, אַז **אין יעדן מצב** דאַרף מען איינוואָרצלען אין האַרץ די אמונה, אַז 'אנכי ה' אלוקיך': **סיי ווען ס'איז 'קאַלט', און סיי ווען ס'איז 'הייס'. אין פייער און וואַסער דאַרף אַ איד גלייבן אַז דער אויבערשטער איז דער איינציגער באַשעפער, און ער פירט אָן מיט אַלעם אויף דער וועלט.**

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע, שרייבט אין אַ בריוו (מכתב כה), אין נאָמען פון דעם צדיק רבי לייב דוקארער זצ"ל, אַ תלמיד פונעם מעזריטשער מגיד זי"ע, אַז אַ **איד דאַרף וויסן אַז פון די אמונה פון שכל צו אמונה פון האַרץ, איז ווייטער ווי פון די ערד צום הימל.**

דער באַרימטער ליובאַוויטשער חסיד און 'משפיע' רבי מענדל פוטערפאַס זצ"ל האָט דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין רוסלאַנד, וואו ס'איז געווען שטרענג פאַרבאָטן פון דער קאָמוניסטישער מאַכט צו היטן תורה און מצוות.

איינמאָל איז רבי מענדל געפאָרן צוזאַמען מיט'ן ריבניצער רבי'ן זי"ע (וועלכער פלעגט, ווי באַקאַנט, זיך איינשטעלן דאָס לעבן צו מל'ען ניי-געבוירענע קינדער) ביי אַ ברית מילה, וואָס די מאמע, די יולדת, האָט געבעטן דעם רבי'ן און רבי מענדל, צו קומען דורכפירן דעם ברית אויף איר קינד, ווייל איר מאַן, דער אבי הבן, איז געווען אַ הייסער קאָמוניסט וואָס האָט פיינט געהאַט דת תוה"ק, און ער האָט בשום אופן נישט מסכים געווען צו לאָזן מל'ען זיין ניי-געבוירענעם יונגל. האָט די יולדת געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט ווען איר מאַן וועט אַוועקפאָרן פון הויז לכל הפּחות אויף עטליכע טעג, און ווען ס'איז געקומען אַזאַ געלעגנהייט, האָט זי טעלעגראַפירט צום ריבניצער רבי'ן זי"ע, ער זאָל קומען מל'ען איר ניי-געבוירענעם קינד.

דער ריבניצער רבי האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט רבי מענדל פוטערפאַס ז"ל צו דער שטאָט וואו די פרוי האָט געוואוינט, און זיי האָבן גע'מל'עט דאָס קינד. נאָכ'ן ברית, האָט אָבער אָנגעהויבן צו רינען אַסאַך בלוט פונעם קינד, און טראָץ אַלע באַמיאונגען, האָט מען נישט געקענט אָפּשטעלן דאָס בלוט. מ'האָט אָבער נישט געקענט אַריבעררופן אַ דאָקטאָר צו היילן דאָס קינד, צוליב מורא אַז דער טאַטע פונעם קינד זאָל זיך נישט דערוויסן אַז מ'האָט גע'מל'עט דאָס קינד אָן זיין ערלויבעניש.

דער ריבניצער רבי זי"ע האָט זיך פאַרשפּאַרט אין אַ זייטיגן צימער אַ פּאָר מינוט, און ווען ער איז אַרויסגעקומען פון צימער, האָט דאָס בלוט אויפגעהערט צו רינען.

אויפ'ן וועג צוריק אַהיימפאָרנדיג, האָט רבי מענדל פוטערפאַס געפרעגט דעם רבי'ן וואָס ער האָט געטוהן ווען ער איז געווען אינעם צימער, און ווי אַזוי האָט דאָס בלוט זיך אָפּגעשטעלט. האָט דער רבי איהם געענטפערט:

- איך האָב מתפלל געווען צו דעם באַשעפער, זאָגנדיג: ליבער טאַטע אין הימל, מיר האָבן יעצט געטוהן אַ גרויסע מצוה, בעט איך פון דיר, זעה איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן, און דער באַשעפער האָט געהערט מיין תפילה...

ביים דערציילן די מעשה, האָט רבי מענדל פוטערפאַס ז"ל געזאָגט: 'איך, מיט מיין גאַנצע תורת חב"ד, בין געוואָרן פאַרלוירן ווען איך האָב געזעהן ווי עס רינט בלוט פונעם קינד, בין איך געוואָרן אינגאַנצן פאַרלוירן... אָבער דער רימניצער רבי, מיט זיין אמונה פשוטה, האָט מיט'ן כח פון זיין תפילה גע'פועל'ט אַ ישועה'...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, ס'איז אַ גרויסע עבודה איינצוואורצלען אמת'ע אמונה אין האַרץ.

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע שרייבט אין אַ בריוו (מכתב טז) אַז **יעדער איד דאַרף יעדן טאָג זאָגן 'אני מאמין', אפילו אויב ער גלייבט נאָך נישט דערין**, ווייל דער רמב"ם ז"ל שרייבט דאָך (הלכות גירושין פ"ב, ה"כ) אַז אויב דער מענטש דאַרף געבן אַ גט פאַר זיין פרוי און ער וויל איר נישט געבן דעם גט, שלאָגט מען איהם ביז ער זאָגט אַז ער וויל געבן דעם גט ('רוצה אני'). דאַן שרייבט מען דעם גט, און עס ווערט זיין כשר. דער טעם דערפאַר איז, ווייל **באמת וויל יעדער איד טוהן דעם אויבערשטען'ס רצון**, נאָר וואָס דען, ער ווערט ליידער געשטערט פון זיין יצר הרע, אָבער אַז ער האָט געכאַפּט שלעק ביז זיין יצר הרע איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און ער האָט געזאָגט 'רוצה אני', האָט ער שוין באמת געוואָלט געבן דעם גט פאַר זיין פרוי. איז דאָך אַוודאי געוויס אַז ווען אַ איד זאָגט 'אני מאמין', העלפט עס אַז ער זאָל שוין זיין אין גדר פון איינעם וואָס גלייבט באמונה שלימה, ווייל **דאָס עצם זאָגן די הייליגע ווערטער, איז אַ וואונדערליכע סגולה דערפאַר**.

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האָט אַמאָל אָנגעקלאַפּט אויף די טיר פון זיין רבי'ן, דעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע. האָט דער מגיד געפרעגט ווער עס קלאַפּט אויפ'ן טיר, און דער בעל התניא האָט געענטפערט, **'דאָס בין איך'**. האָט דער מגיד געעפענט פאַר איהם די טיר, און איהם אַריינגענומען אין הויז. נאָכ'ן שמועסן אַ צייט, און דער בעל התניא האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, האָט דער מגיד איהם געהייסן פאָרן צומאָרגנס אויף אַ געוויסן אָרט.

דער בעל התניא האָט געפאָלגט, און איז אַהין געפאָרן צו יענע שטאָט. ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, איז ער אַריין אין דער אָרטיגער שול, וואו ס'איז פונקט דעמאָלס פאָרגעקומען אַ סעודת ברית מילה. אינמיטן די סעודה, איז פאַרשוואונדן אַ גאָלדענער

זאָגט דער קאָזשניצער מגיד אַ משל, ווען אַ טאַטע וויל מוסר'ן זיין קינד, שלאָגט ער איהם מיט זיין שטעקן, אָבער דערנאָך איז ער איהם מקרב צו זיך, און ער זאָגט איהם דברי חיזוק, אז באמת האָב איך דיך זייער ליב, און אפילו אויב איך טוה דיך אַמאָל שלאָגן מיט מיין שטעקן, איז עס פאַר דיין טובה.

דאָס זעלבע, נאָך די טעג פון 'בין המצרים', ספּעציעל תשעה באב, ווען עס איז אַ בחינה פון מדת הדין ח"ו, טוט דער אויבערשטער טרייסטן די אידן פאַרנאַכטס, און ער ווייזט זיי אַרויס א דערנענטערונג מיט זיין רעכטע האַנט, און ער איז משפיע אויף זיי חסד.

די ווערטער פונעם קאָזשניצער מגיד זי"ע קענען דינען אַלס אַ 'בנין אב' פאַר'ן גאַנצן לעבן פון מענטש, על כל צרה שלא תבוא בכלל ובפרט, אַז אלעמאל נאָך דעם ווי דער אויבערשטער טוט ח"ו שטראָפן דעם מענטש, טוט ער איהם דערנאָך טרייסטן און דערנענטערן. ער איז משפיע אויף איהם רחמים און חסדים פיל מיט אהבה[ד].

לעפל, און עס איז - זעלבסט-פאַרשטענדליך - באַלד געפאַלן דער פאַרדאַכט אויף דעם גאַסט, דעם בעל התניא זי"ע, וויבאַלד זיי האָבן נישט געוואוסט ווער ער איז. דער אבי הבן איז צוגעגאַנגען צום בעל התניא, און שטרענג פאַרלאַנגט ער זאָל זאָפאָרט אומקערן די גניבה. האָט דער בעל התניא איהם געענטפערט: '**נישט איך... נישט איך...**'. מ'האָט באַטאַפּט אַלע זיינע מלבושים, און זיין פעקל, אָבער דער בעל התניא האָט אַלץ געט'טענה'ט: '**נישט איך...**'. ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן גאָרנישט געפונען אין זיין באַזיץ, האָבן זיי איהם פריי געלאָזט.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין מעזריטש, האָט ער דערציילט פאַר דעם מגיד אַלעס וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט. האָט דער מגיד איהם געזאָגט:

- נעכטן האָסטו געזאָגט '**דאָס בין איך**', און צוליב דעם, ביזטו היינט געווען געצוואונגען צו שרייען מערערע מאָל, '**ס'איז נישט איך**'...

פון די מעשה, קענען מיר לערנען אַ וויכטיגן לימוד, אַז אַ איד טאָר זיך קיינמאָל נישט איינרעדן '**איך**' האָב געטוהן אַזוי און אַזוי... נאָר ער דאַרף וויסן, אַז **אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. ס'איז נישט גענוג עס צו זאָגן מיט'ן מויל, נאָר מ'דאַרף אייביג געדענקען אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט.** דעמאָלס וועט דער אויבערשטער כביכול איהם נישט דאַרפן ווייזן ח"ו, אַז גאָרנישט איז נישט 'זיינס', נאָר אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען.

ד. אַזוי שרייבט דער רמח"ל זי"ע (קל"ח פתחי חכמה), **אַז נאָך אַן 'עצירת גשמים', טוט דער אויבערשטער אַראָפּשיקן אַסאַך גשמי ברכה אויף דער וועלט.**

עס שטייט אין ספה"ק 'תפארת שלמה' (תהלים צז, ח) **'שמעה ותשמח ציון, ותגלנה בנות יהודה, למען משפטיך ה'. לכאורה** (פרשתינו, ד"ה 'בצר') **אויף דעם פסוק**

די כוונה דערפון איז ווי געזאָגט, אַז אַזוי איז דער סדר פון דעם אויבערשטען'ס הנהגה, אַז נאָך אַ בחינה פון 'שמאל דוחה', קומט אַ גרויסע מאָס פון 'ימין מקרבת'.

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געזאָגט: **'מיט די לינקע האַנט שלאָגט ער, און מיט די רעכטע האַנט טרייסט ער'.**

הרה"ק בעל התניא זי"ע שרייבט, אַז ער האָט געהערט פונעם מויל פון 'קדושי עליון', אויף דעם וואָס די וועלט זאָגט 'נאָך אַ שריפה ווערט מען רייך', אַז דאָס איז דערפאַר ווייל די השתלשלות און דער סדר פון דעם אויבערשטען'ס מדות כביכול איז חסד, דין, רחמים. ממילא, **נאָך דעם ווי מ'זעהט די מדה פון 'דין' ח"ו ביי אַ שריפה ווערט נתעורר די מדה פון רחמים, וואָס איז גרעסער פון די מדה פון חסד וואָס איז געווען פריער.** (געברענגט אין ספר 'דרך מצוותיך', פון זיין אייניקל הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע)

די ספרים שרייבן א טעם פאַר דעם וואָס מיר לייענען אין דער תורה יעדעס יאָר אינעם שבת נאָך תשעה באב, די 'עשרת הדברות', וואָס שטייען אין דער היינטיגער סדרה (ואתחנן), צו ווייזן אַז **נאָך די גאַנצע פינצטערניש און די דערווייטערונג וואָס מיר האָבן געשפירט אין די טעג פון בין המצרים און תשעה באב, וויל דער אויבערשטער נאָך מער זיין נאָנט צו די אידן,** און ער גיט אונז אַ נייעם גייסט און פרישע כוחות צו קענען מקבל זיין די תורה און טוהן זיין רצון, כדי מיר זאָלן תשובה טוהן צו איהם מיט אַן אמת, גלייך ווי ער געבט אונז פונדאַסניי די תורה, מיט די 'עשרת הדברות'.

אַזוי זאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', אות שפה), אַז פונקט אַ קערנדל וואָס מ'זייעט עס איין אַז עס זאָל וואַקסן תבואה, שפּראָצט עס אויף ערשט נאָך דעם ווי עס איז פריער פאַרפוילט געוואָרן אין דער ערד, דאָס זעלבע איז מיט אידישע קינדער. תשעה באב זיצט מען און מ'וויינט אויף דער ערד, איז מען דערמיט גלייך צו אַ קערנדל וואָס ווערט לכתחילה פאַרפוילט אין דער ערד, און דערנאָך קומט די שפּראָצונג, ווען מ'הייבט אָן פונדאָסניי מיט קבלת התורה.

די גמרא זאָגט (נדרים מא.) אַז אַ חולה וואָס איז געוואָרן אויסגעהיילט, באַקומט ער די כוחות וואָס ער האָט געהאַט ווען ער איז געווען יונג. זאָגט תוספות דאָרט (ד"ה 'חוזר'), אַז דער קראַנקער וואָס איז געוואָרן אויסגעהיילט, ווערט **נאָך מער** געזונט ווי ער איז געווען איידער ער איז קראַנק געוואָרן, ווייל נאָך דעם ווי דער אויבערשטער כביכול האָט געברענגט אויף איהם די קראַנקהייט באַשאַפט ער איהם צו זיין אַזוי ווי אַ נייע באַשעפעניש.

איז שווער, 'משפט' ווייזט דאָך אויף די מדה פון דין ח"ו. אויב אַזוי, ווי אַזוי קען ציון זיך פרייען - 'ותשמח ציון'?

ענטפערט דער 'תפארת שלמה', לעתיד לבוא, וועט זיך דאָך אַרויסשטעלן פאַר אַלעמענס אויגן די גרויסע חסדים וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין די מדה פון דין. וואָס גרעסער דער דין איז געווען רח"ל, טוהען זיך אַנטקעגן דעם פאַרמערן די רחמים און חסדים. צוליב דעם זאָגט דער פסוק, 'שמעה ותשמח ציון', דייקא פון 'משפטיך ה''!

און אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה ווייטער (שם פסוק ט'), 'כי אתה ה' עליון על כל הארץ, מאד נעלית על כל אלוקים'. הוי' איז דער שם פון מדת הרחמים, און 'אלוקים' ווייזט אויף אַ הנהגה פון מדת הדין. זאָגט דער פסוק, אַז אידן וועלן זיך פרייען מיט די 'משפטים' פון דעם אויבערשטען, און די מדה פון רחמים וועט זיך שטאַרקן און דערהויבן ווערן אויף גאָר אַ שטאַרקן אופן, 'על כל אלוקים' - אויף מדת הדין, ווייל פון דעם וואָס מ'געפינט זיך יעצט אין די פינצטערניש, וועט זיך שפעטער שטאַרקן די מדה פון רחמים.

און פונקט ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרן לגבי דעם גלות פונעם כלל, איז דאָס זעלבע גילטיג אויך לגבי דעם גלות פונעם פרט, דער אויבערשטער דערנענטערט זיך, ער בעט איבער און ער טרייסט נאָך די הנהגה פון מדת הדין. אידן וועלן נאָך זוכה זיין זיך צו פרייען מיט די חסדים פון דעם אויבערשטען.

דער 'פשוטו של מקרא' פון דעם פסוק 'נחמו נחמו עמי', איז אַז דער אויבערשטער בעט אידישע קינדער, זיי זאָלן זיך טרייסטן און נישט פאַרזינקען ווערן אין דעם צער און אבילות, נאָר זיי זאָלן זיך שטאַרקן מיט די ריינע אמונה אַז דער אויבערשטער וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, און משיח בן דוד וועט בקרוב קומען אונז אויסלייזן פון גלות[ה]. 'חזק חזק ונתחזק'[ו]. אידן טאָרן נישט

ה. דער מהר"ח אור זרוע ז"ל (מגדולי הראשונים, אַ תלמיד פונעם מהר"ם מרוטנבורג), **שרייבט** אין אַ דרשה (פרשת דברים), אַז עס איז דאָ ווער עס זאָגט אַז די **אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן אין חודש אב**, אַזוי ווי זייער חורבן איז געווען אין חודש אב, אַזוי וועט זייער גאולה זיין חודש אב, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה לא, יב) 'והפכתי אבלם לששון', איך וועל איבערדרייען זייער 'אב' צו אַ פרייליכן חודש, עכ"ל. מיר זאָלן זוכה זיין נאָך היי יאָר אויסגעלייזט צו ווערן מיט גרויס רחמים פון באַשעפער, אמן כן יהי רצון.

ו. דער מהר"ל זצ"ל שרייבט ('נצח ישראל', פכ"ט) ווי זיס איז אונזער האָפענונג צו דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ווי שיין איז די דאָזיגע האָפענונג, ווייל **אויב דער**

פאַרלירן האָפענונג, אַז די ליכטיגקייט וועט אויפשיינען במהרה בימינו׳, און דאָס מזל וועט זיך טוישן צום גוטן, אמן.

אַזוי שרייבט דער ׳מאירי׳ (תענית ל:) אויף די ווערטער פון חז״ל, ׳לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום

אויבערשטער האָט עס גערעכנט פאַר אברהם אבינו ע״ה אַלס אַ זכות און אַ צדקה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, ו) ׳והאמין בה׳ ויחשבה לו צדקה׳, **איז דאָך אַוודאי געוויס די אידן, וואָס קוקן אייביג אַרויס אויף דעם חסד פון באַשעפער,** זיי האָפען און האָפען ווידער צום באַשעפער.

מן הבאר

עס שטייט אין ספר ׳מנהג טוב׳ (געדרוקט אין יאָר תרפ״ט, פון אַן אַלטן כתב-יד פון איינעם פון די חכמי איטאליע), אַז ס׳איז אַ גוטער מנהג זיך נישט צו שערן ביז ערב שבת נחמו, און ווען עס קומט שבת נחמו, איז מען **מחויב** זיך אָפּצושערן, צו דערפרייען זיין גוף, און מקבל שבת זיין מיט אַ פריילִיך האַרץ, און מ׳זאָל זיך **אַסאַך** טרייסטן, ׳וה׳ ינחמנו בנחמת ציון עיר שלם׳.

ענליכע ווערטער, שרייבט דער מהרי״ל ז״ל (סדר תפילת ט׳ באב, אות כז) אַז שבת נחמו איז דער ערשטער שבת נאָך תשעה באב, און **אלע אידן זאָל זיך פרייען** און זיך פאַרזיכערן מיט די נחמה פון דעם גואל צדק.

דער ריטב״א ז״ל שרייבט (תענית כו:) אויף די משנה אין מסכת תענית (דאָרט) ׳לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב׳, אַז צוליב דעם טעם פירט מען זיך צו **מאַכן אַ סעודה אין דעם שבת נאָך תשעה באב**, און אַזוי שטרייבט דער ׳בן שועיב׳, פון אַ תלמיד פונעם רשב״א ז״ל (פ׳ ואתחנן, און געברענגט אין ׳יוסף אומץ׳ פונעם חיד״א ז״ל, סי׳ תתעד) **אַז עס איז אַ מצוה צו מאַכן דעם שבת** (נחמו) **אַזוי ווי אַ יום טוב.**

ז. דער אמת איז, אַז די התחזקות אַליין, איז ממשיך די ישועה פאַר דעם מענטש, ווי הרה״ק בעל ׳דברי שמואל׳ זי״ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר ׳ברכת אברהם׳, מכתב סה, אַז ער האָט עס געהערט פון זיין פעטער, דעם ׳דברי שמואל׳) אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (׳ידיד נפש׳), **׳אז תתחזק ותתרפא׳ - אויב דו וועסט זיך שטאַרקן, וועסטו זוכה זיין צו די רפואה.**

אַזוי האָט כ״ק מו״ח אדמו״ר מזוטשקא זצ״ל, געזאָגט אויפ׳ן פסוק (ישעיה א, א) ׳חזון ישעיהו בן אמוץ׳. דער טייטש פון וואָרט ׳חזון׳, איז זעהן. ווען דער מענטש וויל **זעהן ׳ישעיהו׳** - די ישועה פון באַשעפער, קען ער זוכה זיין דערצו דורך **׳בן אמוץ׳**. אויב ער שטאַרקט זיך, איז ער זוכה צו זעהן די גאַנצע ישועה.

עס שטייט אין ספה"ק 'דגל מחנה אפרים' (פ' עקב, ד"ה 'וכל מדוי מצרים'), אַז זיין זיידע, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דער אויבערשטער שיקט נישט יסורים אויף אַ מענטש, נאָר אויב ער שיקט אויף איהם פריער די קראַנקהייט פון 'מרה שחורה' רח"ל.

ענליך שרייבט דער 'תולדות יעקב יוסף' (פ' משפטים, ד"ה 'ואלה'), אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן, דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע, ווען מ'וויל שטראָפן איינעם וואָס פאַרדינט אַן עונש, נעמט מען אַוועק פון איהם די מדה פון בטחון, און צוליב דעם, **זאל יעדער מענטש מתפלל צו זיין צום אויבערשטען ברוך הוא, אַז ער זאָל זוכה זיין זיך צו שטאַרקן מיט בטחון.**

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, אויף דעם פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה, 'ואתחנן אל ה' בעת ההיא לאמור'. **משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען צום באַשעפער, אַז ער זאָל זוכה זיין קונה צו זיין אין זיך די מדה פון בטחון**, ער זאָל קיינמאָל נישט זאָרגן וועגן דעם מאָרגענדיגן טאָג, נאָר אויף יעצט - **'בעת ההיא'**. ווען ער וועט זיך נויטיגן אין די זאַך. **'לאמור'** - וועט ער מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, ער זאָל פאַר איהם צושטעלן אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן.

עס דערציילט דער בעל העובדא, פיר יאָר צוריק האָט זיין פרוי פאַרלוירן אַ טייער קייטל, וואָס זי האָט באַקומען ווען זי איז געוואָרן אַ כלה. מ'קען זיך פאָרשטעלן וויפיל עגמת נפש זי האָט געהאַט דערפון. עס האָט ממש געדרוקט אויף איר געמיט. ערב שבועות, האָט דער מאַן איר געוואָלט קויפן במתנה אַ ניי קייטל, אבער עס האָט איהם געעגבערט די שאלה: 'כסף מנלן'? האָט זיין בני בית איהם געזאָגט, וואָס דאגה'סטו? דער אויבערשטער איז דאך דער זן ומפרנס פאר די גאַנצע וועלט... האָט דער מאַן זיך אַוועקגעזעצט לערנען דעם הייליגן ספר 'חובות הלבבות', 'שער הבטחון', אין משך פון אַ שעה צייט. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען פון הויז. פאָרענט פונעם הויז, האָט ער געטראָפן אויף אַ וואָגן אַ פעקל. ער האָט אויפגעהויבן דאָס פעקל, און איז צוריק אַריין אין הויז, פרעגנדיג די בני בית אויב זי האָט עפעס באַשטעלט אַ פעקל, האָט זי געענטפערט אַז ניין. האָט ער געטראַכט, אפשר האָט דאָ פּאַסירט אַ טעות, אַז ס'איז אָנגעקומען אויף זייער אַדרעס אַ פעקל וואָס איז נישט זייערס... ער האָט זיך אינטערעסירט ביי די שכנים אויב זיי ערוואַרטן אויף עפּעס אַ פעקל, אָבער אַלע האָבן געענטפערט אַז דאָס פעקל איז נישט זייערס. האָט ער געעפענט דאָס פעקל, כדי צו זעהן וואָס עס ליגט דערין, אפשר וועט ער אַזוי אַרום קענען דערגיין צו וועמען דאָס פעקל געהערט. אינעם פעקל איז געלעגן אַ קאָנווערט (ענוועלאָפּ בלע"ז) מיט נישט ווייניגער ווי... **פינף הונדערט שקלים**, מיט אַ צעטל וואו עס האָט זיך געלייענט ווי פאָלגענד: 'מיר ווינטשן אייך אַ פריילכן יום טוב שבועות, און דער זכות פון די תורה, זאָל אייך באַגלייטן'...

הכיפורים'. בייביידע פון די צוויי הייליגע טעג, געפינען מיר די גרויסע שמחה וואָס מיר פרייען זיך מיט'ן אויבערשטען, ה' אלוקינו, ה' מחוקקינו, ה' מלכינו, הוא יושיענו. דאָס איז דער יום טוב פון חמשה עשר באב. עס קומט אונז צו וויזן, אַז טראָץ אַלע צרות וואָס אידן ליידן אין גלות, האָט דער אויבערשטער זיי נאָך אַלץ נישט פאַרלאָזט[ח].

שרייבט דער 'מאירי': די משנה מיינט צו זאָגן, אַז מ'טאָר זיך נישט מייאש זיין צוליב די פילע צרות, ווייל וואָס מער זיי פייניגן אונז, אַלץ מער

איבעריג צו שילדערן די שמחה וואָס האָט אַרומגענומען דאָס פּאָרפאָלק. אָט האָבן זיי זיך ערשט געשטאַרקט מיט די מדה פון בטחון, און דער באַשעפער האָט שוין צוגעשיקט אַ 'מתנה' פון הימל...

ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די 'הארה' צו וועלכע ער האָט זוכה געווען, האָט איהם געגעבן כח און מוט ווייטער צו לערנען וועגן די מדה פון אמונה און בטחון, און אַזוי האָט ער געלערנט 'חובות הלבבות' טאָג-טעגליך. אַרום צוויי וואָכן שפּעטער, האָט זיין רעביצין געזעהן אַ צעטל וואו עס ווערט געמאָלדן איבער 'השבת אבידה', פון אַ גאָלדן קייטל וואָס איז געפונען געוואָרן... האָט די פרוי זיך פאַרבונדן מיט דעם מענטש וואָס האָט עס געפונען, און איבערגעגעבן אירע סימנים. איינע פון די סימנים איז געווען, אַז דאָס שטיקל וואָס פאַרמאַכט דאָס קייטל ('קלעספּ' בלע"ז) איז צובראָכן. (עס איז צובראָכן געוואָרן איין וואָך איידער זי האָט עס פאַרלוירן), און יענער האָט איר צוריקגעגעבן דאָס קייטל וואָס ער האָט געפונען שוין אַ היבשע צייט פריער, אָבער **פונקט יעצט** האָט ער זיך דערמאנט וועגן דעם...

אַזוי האָבן דאָס פּאָרפאָלק געזעהן מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי דאָס **זיך שטאַרקן מיט אמונה האָט ממשיך געווען די ישועה**, און זיי האָבן געפונען די טייערע אבידה...

נאָך אַ וואונדערליכן חיזוק האָבן זיי געהאַט פון דעם וואָס בשעתו, ווען דער 'קלעספּ' אויפ'ן קייטל האָט זיך צובראָכן, זענען זיי געווען אויפגעברויזט אויף דעם מוכר וואָס האָט זיי פאַרקויפט 'שוואַכע סחורה'... צום סוף האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אדרבה, **דווקא די 'שוואַכקייט' פון דעם קייטל איז געווען דער גורם זיי זאָלן צוריק באַקומען דאָס קייטל...**

פון דעם אַלעם לערנט מען, אַז **יעדער שאָדן און ווייטאָג וואָס דער מענטש האָט, איז נאָר אַ ברכה און אַ טובה פאַר איהם**, ווייל אַזוי איז דער שטייגער פונעם באַשעפער: 'א-ל מסתתר'. אַלעס איז באַהאַלטן...

ח. דער 'ילקוט שמעוני' זאָגט (רמז תתכה), די טבע פון א מענטש איז, אַז א רייכער מאַן וואָס האָט א קרוב אַן אָרימען, איז דער אָרימאַן זיך מייחס צו דעם עושר,

טוהען מיר זיך מערן, ווייל דער אויבערשטער איז מיט אונז!

ושמור נפשך מאד - דער ערשטער פון אַלע גדרים איז שמירת עינים

'רק השמר לך ושמור נפשך מאד' (ד, ט). זאָגט דער 'כלי יקר', די פסוק רעדט דא פון צוויי זאכן. א. 'השמר לך' - זיך היטן דעם קערפער. ב. 'ושמור נפשך' - זיך היטן דעם נפש ברחניות.עס איז אבער פארהאן א חילוק צווישן די צוויי. ביי זיך היטן דעם קערפער, זאָגט נישט דער פסוק 'מאד', נאָר ביי די ענינים פון רוחניות, זאָגט די תורה: 'ושמור נפשך מאד', ווייל ווען עס קומט צו היטן די נשמה, דאַרף דער מענטש זיך פיל מער

אָבער דער עושר זוכט נישט קיין 'יחוס' צו דעם אָרימאַן. דאָס מיינט, דער רייכער מענטש שטעלט זיך נישט פאָר אַלס אַ קרוב פון יענעם אָרימאַן, ווייל עס פאַסט דאָך נישט פאַר איהם זיך 'נאָכצושלעפּן' נאָך דעם אָרימאַן. נאָר אדרבה, דער אָרימאַן באַרימט זיך מיט זיין משפחה-קירבות צו דעם עושר. דער אויבערשטער טוט אָבער אַנדערש. ער איז זיך יאָ מייחס צו די אידן, ווייל דער פסוק זאָגט נישט, 'כי מי גוי גדול אשר **הוא קרוב לאלוקים**', נאָר 'כי מי גוי גדול אשר **לו אלוקים קרובים אליו**', אַזוי ווי דער מדרש זאָגט דאָס לשון: 'כביכול הקדוש ברוך הוא עושה לישראל עיקר'.

די דאָזיגע ידיעה אַליין, אז דער בוכ"ע זוכט צו זיין נאָנט מיט אונז, טוט אונז טרייסטן און שטאַרקן אין אַלע צייטן, ווי דער 'שפת אמת' זאָגט (פ' ואתחנן תרנ"ז, ד"ה 'בפרשת'), אויף די ווערטער פונעם נביא, 'נחמו נחמו עמי יאמר אלוקיכם'. **די בעסטע טרייסט פאַר דעם אידישן פאָלק איז, 'יאמר אלוקיכם'**. דאָס וואָס דער אויבערשטער זאָגט אייביג אַז **ער איז דער באַשעפער פון די אידן**, און ער פילט מיט זייער צער אין גלות: 'בכל צרתם לו צר'.

אַזוי טייטשן די ספרים אויף דעם פסוק (ישעיה נא, יב) **'אנכי אנכי הוא מנחמכם'**. דער פסוק זאָגט דאָ אַ דאָפלטן לשון, צוויי מאָל דאָס וואָרט 'אנכי', כדי מרמז צו זיין אויף **'אנכי** ארד עמך מצרימה', און **'ואנכי** אעלך גם עלה'. **'הוא מנחמכם'** - דאס איז אונזער גרעסטער טרייסט!

עס ווערט דערציילט (אין ספר 'זכור לאברהם'), אַז הרה"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע איז אַמאָל געגאַנגען שווימען אין ים, אויפ'ן באַפעל פון דעם דאָקטאָר. פּלוצים איז דער רבי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די ים-כוואַליעס, ווייט פונעם ברעג. בלויז בדרך נס איז דער רבי געראַטעוועט געוואָרן פון די סכנה.

שפּעטער, ווען הרה"ק מתולדות אהרן האָט דערציילט וועגן דעם פאַר זיין אייניקל, הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א, האָט ער איהם געפרעגט: 'וואָס מיינסטו, האָב איך געטראַכט ווען איך בין געוואָרן אַריינגעכאַפּט אין ים, און איך האָב זיך געפונען

היטן ווי ביי די היטונג פונעם גוף, און מען דארף צולייגן נאָך אַ שמירה[ט].

אויף אַביסל אַן אַנדערן אופן, האָט געזאָגט דער רבי פון לובלין זי"ע (געברענגט אין ספר 'טהור רעיונים', און אין 'אמת ואמונה' פון קאָצקער רבי'ן זי"ע), **אויף** דעם דערמאנטן פסוק: 'רק השמר לך'. באַטש דער מענטש דאַרף היטן זיין גוף, צו געבן עס צו עסן און טרינקען און אַלע אַנדערע באַדערפענישן, זאָל ער עס אָבער מאַכן בדרך 'מיעוט' ('רק' איז אַ 'מיעוט', אַזוי ווי גמרא זאָגט (סנהדרין מט.) 'אכין ורקין מיעוטין הן'), אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין רוחניות, זענען מיר באַפוילן געוואָרן 'ושמור נפשך מאד', מיט אַ גוטע שמירה, ווייל דאָס וואָרט 'מאד' קומט מרבה צו זיין.

חמשה עשר באב - זיך שטאַרקן מיט לימוד התורה און תשובה

חז"ל זאָגן (תענית כו:) אַז די אידן האָבן נישט געהאַט אַזעלכע ימים טובים ווי חמשה עשר באב און יום כיפור.

אונטער דעם וואַסער? דו מיינסט מסתמא, אַז איך האָב געזאָגט 'ווידוי' און געשריגן 'שמע ישראל'... ניין, ניין! איך האָב נישט געזאָגט 'ווידוי', נאָר **איך האָב געשריגן מיט אַלע כוחות, טאַטע, נאָר דו קענסט מיר העלפן. העלף מיר!** דאַן איז געקומען אַ כוואַליע פון אונטער מיר, און עס האָט מיך 'אויסגעשפיגן' צום ברעג ים'...

ט. די גמרא זאָגט (ברכות כח:) אַז דער הייליגער תנא רבי יוחנן בן זכאי האָט פאַר זיין הסתלקות געזאָגט צו זיינע תלמידים: 'ויהי מורא **שמים** עליכם כמורא **בשר ודם**'. זאָגט דער 'בן איש חי' (דרשות, ויקרא), אַז רבי יוחנן בן זכאי האָט אונז געוואָלט לערנען, **אַז מ'דאַרף מורא האָבן פון באַשעפער אַזוי ווי מ'האָט מורא פאַר דעם 'אייגענעם בלוט און פלייש'**. פונקט ווי דער מענטש טוט אַלע פעולות אין דער וועלט כדי צו היטן זיין געזונט, אַזוי (אַמווייניגסטענס) דאַרף ער שטענדיג מורא האָבן פון דעם אויבערשטען, און זיך באַמיען צו אַרבעטן שטענדיג אויף יראת שמים.

הגה"ח רבי זלמן בריזל זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל גייענדיג אויפ'ן גאַס איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב מיט שמוציגע (סוער') וואַסער... זינט דעמאָלס, יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען אויפ'ן גאַס האָט ער גוט נאָכגעקוקט צי ס'איז נישט דאָ ערגעץ אַ גרוב וואו מ'קען אַריינפאַלן, און אַז ער האָט געזעהן פונדערווייטענס אַ גרוב, איז ער אַנטלאָפן דערפון ווי ווייט נאר מעגליך, אויס מורא ער זאָל נישט חלילה אַריינפאַלן אינעם גרוב. דאָס זעלבע, ווען מ'זעט אַז מ'געפינט זיך נישט ווייט פון אַ **'מסוכנ'דיגן גרוב' ברוחניות**, זאָל מען הייבן פיס און אַנטלויפן...

י. דאָס איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן פאַר די זוממער טעג און פאַר די בחורים וועלכע רעכטן אפ 'בין הזמנים', און מ'גיט זיך אָפּ מיט'ן גוף 'בהידור', אָבער מ'דאַרף

געדענקען וואָס די תורה זאָגט אונז אָן, 'רק השמר לך ושמור נפשך מאד'... מ'טאָר נישט טראַכטן ח"ו אַז 'הותרה הרצועה', מ'מעג אַלעס טוהן אין די יעצטיגע טעג. אדרבה, אין די טעג, איז ליידער מער שכיח די סכנה ח"ו, און ממילא דאַרף מען זיך נאָך מער און בעסער היטן, מ'זאָל נישט האָבן אַ ירידה אָדער אַ מכשול ברוחניות ח"ו, און אַוודאי טאָר מען נישט גיין אויף צווייפלהאַפטע ערטער, וואָס קענען שאַפן אַ סכנה חלילה פאַר דעם מענטש בגשמיות און ברוחניות, דורך פאַרברענגען מיט מענטשן וואָס טויגן נישט. מ'דאַרף זיך שטאַרק היטן און שטיין אויף דער וואַך צו היטן אַלע גדרים און סייגים, און מ'זאָל בשום אופן נישט זוכן 'קולות' למיניהם.

דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל ברענגט אַ וואונדערליכע מעשה (אין ספר 'בן איש חיל', ח"ג), וואָס האָט פּאַסירט ביי אַ איד אַן 'עם הארץ', וואָס האָט גענומען אַן איידים אַ 'שטיקל תלמיד חכם'. אַמאָל האָט מען אין הויז פונעם שווער געקאָכט אַ טאָפּ מיט פלייש, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז אַריינגעפאַלן אינעם טאָפּ אַ טריפה'נע שטיקל פלייש, און מ'האָט נישט געוואוסט וואָס ס'איז די הלכה, צי מ'מעג עסן דאָס פלייש אָדער נישט. האָט דער שווער געפרעגט דעם איידים, וואָס מ'זאָל טוהן, האָט דער איידים געענטפערט אַז עס איז אַן אָפענער און קלאָרער דין, אויב ס'איז דאָ אינעם כשר'ן פלייש זעכציג מאָל אַזוי פיל ווי דאָס טריפה'נע שטיקל פלייש, ווערט עס 'בטל בשישים', און מ'מעג עסן דאָס כשר'ע פלייש. אָבער אויב עס איז נישט דאָ זעכציג מאָל אַזוי פיל כשר פלייש ווי טריפה פלייש, ווערט דער גאַנצער טאָפּ אסור צום עסן.

אַ צייט שפּעטער, האָט מען ווידער געקאָכט אַ טאָפּ מיט פלייש, נאָר דאָס מאָל איז געווען פאַרקערט, אין אָנהייב איז דער גאַנצער טאָפּ געווען פול מיט טריפה'נע פלייש, נאָר שפּעטער איז אַריינגעפאַלן אַהין אַ קליין שטיקל כשר פלייש. האָט דער שווער נאָך אַמאָל געשיקט רופן דעם איידים, כדי צו הערן פון איהם צי דער טאָפּ מיט'ן פלייש איז כשר אָדער נישט, אָבער ווען דער איידים איז אָנגעקומען, האָט דער שווער איהם געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט ער אַליין פסק'ענען, לויט דעם 'פסק' וואָס דער איידים האָט דאָס פריערדיגע מאָל אָנגענומען. דער 'פסק הלכה' פונעם שווער איז געווען, אַז דער גאַנצער טאָפּ איז כשר... ווייל ער מאַכט אַ 'קל וחומר', מה דאָך אַ טאָפּ וואָס אַנטהאַלט בלויז כשר פלייש, איז אויב עס האָט זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט אַ קליין שטיקל טריפה'נע פלייש איז אַלעס געוואָרן אסור צו עסן, איז דאָך 'מדה טובה מרובה', אַז אויב דער גאַנצער טאָפּ איז אסור, און ס'איז דאָרט אַריינגעפאַלן אַ קליין שטיקל כשר פלייש, איז דאָך זיכער אַז דער שטיקל וועט כשר'ן דעם גאַנצן טאָפּ (ווייל אויב אַ קליין שטיקל פלייש איז אימשטאַנד צו אסר'ן אַ טאָפּ, איז דאָך עס אַוודאי בכח מתיר צו זיין דעם טאָפּ...).

האָט דער איידים זיך צעשריגן אויפ'ן שווער: חלילה, שומו שמים, לא תהא כזאת בישראל! דאָס איז דאָך אַן 'עם הארצות' בתכלית, ווייל אַ קליין שטיקל טריפה'נע פלייש איז בכח צו אסר'ן אַ גרויסן טאָפּ פון היתר'דיגן פלייש אויב ס'איז נישט דאָ זעכציג אינעם טאָפּ קעגן דעם טריפה'נעם פלייש, אָבער זיכער קען נישט אַן איסור גמור ווערן כשר צוליב אַ שטיקל היתר'דיגע פלייש...

דאָס זעלבע איז מיט די עטליכע וואָכן וואָס מ'רופט 'וואַקאַציע'. מ'קומט אויף אַן אָרט, און מ'האָט שוין געהערט אַז דאָרט איז דאָ אַ שיעור אין 'דף היומי' אָדער אַן אַנדערע גוטע אַטראַקציע, און אויפ'ן סמך פון דעם 'היתר' פאָרט מען אַהין. דאָס מיינט אָבער נישט אַז צוליב דעם איז אַלעס ערלויבט... מ'דאַרף זיך גוט נאָכפרעגן פריער, וואָס ס'איז דער מצב דאָרט מיט 'שמירת עינים', און וואָס איז מיט 'שחוק וקלות ראש'. ווי אַזוי זעהט אויס דער גאַנצער 'אַרום און אַרום' דאָרטן. מ'קען זיך דאָך נישט צוגלייכן צו יענעם 'עם הארץ', וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז אַ קליין שטיקל כשר פלייש קען כשר'ן אַ גאַנצן טאָפּ מיט טריפה'נע פלייש...

דאָס איז אַ כלל אויך פאַר'ן גאַנצן יאָר, צום ביישפּיל, לגבי די פאַרשידענע 'כלים'. דער מענטש האָט שוין אַ תירוץ, מ'קען דאָך זאָגן תהלים פון די 'כלי'... מ'קען דאָרט זעהן אָדער הערן אַ שיעור אין תורה. מ'טאָר זיך אָבער נישט איינרעדן אַז צוליב דעם מעג מען שוין אויך 'מיטהאַלטן' אַלע שמוציגע זאַכן וואָס געפינען זיך ליידער אויף יענע טריפה'נע 'כלי'.

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (במדבר כה, א) אויפ'ן פסוק 'וישב ישראל בשטים' וגו', אַז דער פסוק קומט עדות זאָגן אויף די סיבה פון די שרעקליכע עבירה, אַז עס האָט פּאַסירט פאַר דעם ווייל די אידן איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ 'שפּאַציר' אינדרויסן פון 'מחנה ישראל', און זיי זענען דאָרט געשטרויכלט געוואָרן. אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'וישב ישראל בשטים', דאָרט וואו זיי האָבן שפּאַצירט אינדרויסן פון זייער מחנה ('שטים' איז פון לשון שפּאַצירן, ענליך ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יא, ח) 'שטו העם', זאָגט רש"י, 'אין שייט אלא לשון טיול'. דער טייטש פון וואָרט 'שייט', איז שפּאַצירן). און דאָס האָט געברענגט צו דעם שרעקליכן חטא מיט די בנות מואב, עכל"ק.

פון דעם זעהען מיר ווי האַרב עס איז דאָס ענין פון 'אַרויסשפּאַצירן' פון די 'מחנה ישראל' (און מיר מיינען נישט דאָ דווקא אַ שפּאַציר אין די 'גוי'שע מחנה', ודי למבין). עס איז די טיר און די סיבה אָנצוקומען ביז צום שאול תחתיות רח"ל.

אַ בחור האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, אַז אַ געוויסער 'מקובל' האָט איהם געזאָגט אַז עס איז דאָ אויף איהם אַ שרעקליכע 'עין הרע' רח"ל. האָט דער 'בית ישראל' איהם געזאָגט:

- די גמרא זאָגט (ב"מ קז:) אַז 99 פּראָצענט פון די מענטשן שטאַרבן פון אַן **'עין הרע'** און איינער שטאַרבט 'כדרך כל הארץ'. דאָס מיינט, אַז 99 פּראָצענט זענען געשטאָרבן ווייל **זיי האָבן נישט געהיטן זייערע אויגן ווי ס'דארף צו זיין...**

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האָט אַמאָל געפרעגט איינעם פון זיינע חסידים, וואָס עס איז זיין מקור פון פרנסה. האָט דער איד געענטפערט אַז ער לערנט מיט קינדער דעם פאַך פון שרייבן. האָט דער 'בית אברהם' איהם געזאָגט:

- עס שטייט אין מגילת אסתר (ח, ח) 'ואתם כתבו על היהודים **כטוב בעיניכם**'. קען מען זאָגן אַז דער פסוק איז מרמז, **מ'זאָל 'שרייבן', און אויסלערנען די קינדער צו האָבן גוטע אָפּגעהיטענע אויגן...** ווי רש"י זאָגט (במדבר טו, לט) אַז דער האַרץ און די אויגן זענען אַזוי ווי 'מרגלים' פאַר דעם גוף און זיי טוהען איהם איבעררעדן צו זינדיגן ח"ו. 'העין רואה והלב חומד, והגוף עושה את העבירות'. ממילא, אויב מ'היט זיך די אויגן, ווערט מען נישט נכשל מיט אַן עבירה ח"ו.

די גמרא זאָגט (תענית כד.) 'כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריכה בדיקה'. זאָגט דער 'מחזה עינים' (דף ו. טור ב) אַז חז"ל זענען דאָ מרמז נישט נאָר פאַר אַ כלה, נאָר פאַר **יעדן מענטש, אויב ער האָט 'שיינע אויגן', איז עס אַ סימן אַז זיין גאַנצער גוף איז אָפּגעהיטן בקדושה**, און מ'דאַרף איהם מער נישט נאָכקוקן.

מן הבאר

דער מענטש דאַרף מאַכן פאַר זיך גדרים און סייגים צו היטן זיינע אויגן, ווי עס שרייבט דער ראב"ד ז"ל ('בעלי הנפש', שער הקדושה), אַז **דער ערשטער פון אַלע גדרים איז שמירת עינים**, ווייל אויב די אויגן פון מענטש זענען אָפּגעהיטן, איז זיין האַרץ אָפּגעהיטן, און וויבאַלד זיינע אויגן און האַרץ זענען אָפּגעהיטן, איז דער גאַנצער מענטש אָפּגעהיטן, ווי חז"ל זאָגן (במדב"ר פ"י, סב) 'עין רואה ולאחריו הלב חומד, וכלי מעשה גומרין'. ממילא, איז בעסער אַז דער מענטש זאָל באַלד ביים אָנהייב פון די נפילה ח"ו זיך צוריקהאַלטן דורך זיך היטן די אויגן, און אַזוי וועט ער נישט אַריינפאַלן ווייטער אין די בלאָטע.

אַ בחור האָט אַמאָל געזאָגט צום גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'לב שמחה' זי"ע, אַז עס איז איהם שווער צו גיין אויף די גאַס, און ער האָט געבעטן אַן עצה און הדרכה ווי אַזוי זיך צו פירן. האָט דער 'לב שמחה' איהם געזאָגט מיניה וביה, אויב ס'איז שווער צו גיין, גייט מען טאַקע נישט... ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אויב דו קענסט

נישט היטן דיינע אויגן ווען דו גייסט אויפ'ן גאַס, טאָרסטו זיך טאַקע נישט אַריינלאָזן אין אַ סכנה ח"ו.

דערנאָך האָט דער 'לב שמחה' געשוויגן אַ קורצע צייט, און דאַן האָט ער געזאָגט צו דעם בחור: אויב גייענדיג אויפ'ן גאַס וועסטו טראַכטן אין לערנען, איז די ראיה נישט אין גדר פון אַ ראיה, ווייל ווען דער מוח איז 'פאַרנומען' מיט טראַכטן וועגן לערנען, זעהט מען דאָך נישט אַנדערע זאַכן, און זיי ווערן נישט אויפגעכאַפּט אין זיין מוח, ספּעציעל וויבאַלד ער לערנט, האָבן דאָך אַלע מיאוס'ע זאַכן נישט קיין ווערד ביי איהם, און פונקט ווי ער וועט נישט ווילן צו ענטפערן וויפיל קעץ דרייען זיך אויפ'ן גאַס, ווייל ער קוקט בכלל נישט אויף זיי... זיי האָבן נישט קיין שום ווערד אין זיינע אויגן...

אויך האָט דער 'לב שמחה' זי"ע געזאָגט, די קדמונים זאָגן, אַז **איינער וואָס איז נכשל געוואָרן ח"ו מיט אַן עבירה, איז די עצה זיך באַלד צו דערמאָנען עפּעס אַ הלכה**, כדי צו פאַרעכטן דעם פגם. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס קען זיין די כוונה אין די ווערטער פון רש"י ז"ל (במדבר כה, ז) אויפ'ן פסוק 'וירא פנחס', זאָגט רש"י, 'ראה מעשה ונזכר **הלכה**'. וויבאַלד ער האָט געזעהן די מעשה פון זמרי און ווי די אידן האָבן ליידער געזינדיגט אין שיטים, האָט ער זיך דערמאָנט אַ הלכה, כדי געראַטעוועט צו ווערן אַפילו פון טראַכטן וועגן דעם.

אַז מ'רעדט וועגן 'וואַקאַציע', איז כדאי צו דערציילן: ווי באַקאַנט, האָט הגה"צ רבי משה וואָלפסאָן זצ"ל, (זייענדיג דער מנהיג רוחני און מורה דרך פון די קהילה מפוארה 'אמונת ישראל' אין באָראָ פּאַרק), זיך נישט געוואָלט פירן ברבנות אָדער אדמורו"ת. אויף די עלטערע יאָרן, האָט דער דאָקטאָר באַפוילן דעם רב צו גיין מיט אַ שטעקן, עס זאל איהם זיין צו הילף ביים גיין אויפ'ן גאַס. האָבן זיינע משמשים איהם געוואָלט קויפן אַ שטעקל מיט אַ זילבערנעם קעפּל פון אויבן, אַזוי ווי עס פירן זיך חשוב'ע רבנים, און מיט דעם האָבן זיי געהאָפט צו שאַפן פאַר איהם אַן 'אויסזעהן' פון אַ רב, אָדער אַ רבי... הרב וואָלפסאָן האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען דערצו, זאָגנדיג: **'איך לייד אויף די פיס, נישט אויפ'ן קאָפּ...'**

לדידן ייאמר, ריכטיג טאַקע אַז דער גוף זוכן 'מנוחה', זיך אָפּצורוהען פונעם טאָג-טעגליכן לעבנס-שטייגער, אָבער אויפ'ן קאָפּ ליידסטו דאָך נישט ח"ו... **דיינע אויגן און די אַנדערע חושים דאַרפן זיך נישט 'אָפּרוהען', זיי זענען נישט 'אויסגעמוטשעט'** (אדרבה, פונקט פאַרקערט, דאָס היטן די אויגן ברענגט די גרעסטע רואיגקייט און מנוחה פאַר די אוידן און פאַר'ן גאַנצן גוף). **אויף דעם זאָגט דער פסוק 'ושמור נפשך מאוד'.**

דער בעל המעשה דערציילט, אַז ער איז פאַריאָר (שנת תשפ"ד) אַריבערגעגאַנגען אַ שווערע אָפּעראַציע אויפ'ן האַרץ (אַן 'אָפּען-האַרץ אָפּעראַציע). די אָפּעראַציע האָט

געדויערט פיר שעה, פון זעקס ביז צען אַזייגער אינדערפרי. געווענליך ביי אַזעלכע פאַלן איז דער סדר, אַז נאָך די אָפּעראַציע פירט מען אַריין דעם פּאַציענט אין די "אינטענסיוו קעיר' אָפּטיילונג, און מ'טוט איינשלעפן דעם מענטש אין משך פון זיבן שעה. ביי איהם האָט אָבער פּאַסירט, אַז ווען מ'האָט איהם פּרובירט אויפוועקן נאָך די זיבן שעה, האָט ער זיך נישט ערוועקט. אַלע אַנדערע פּאַציענטן וואָס האָבן יענעם טאָג אַדורכגעמאַכט אָפּעראַציעס זענען שוין געווען ביים באַוואוסטזיין, אָבער ער איז נאָך געשלאָפן. זיין פרוי און דער שטאַב פון די דאָקטוירים אין שפּיטאָל זענען שוין געוואָרן נערוועז, און איין דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין בעט, און האָט זיך נישט אַוועקגערירט פון דאָרט די גאַנצע צייט.

במשך פון די גאַנצע צייט האָט זיין פרוי'ס טעלעפאָן געקלינגען, אָבער צוליב איר אָנגעצויגנקייט איבער זיין מצב, האָט זי נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן. אַלע זיצן און וואַרטן, און דער איד שלאָפט זיך אַ רואיגן שלאָף.. ערשט נאָך אַ לאַנגע צייט, ווען דער זייגער האָט שוין געוויזן **8:10** אין אָוונט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף. דאַן האָט זיין בני בית טעלעפאָנירט צו יענעם נומער פון וואו מ'האָט איר פריער גערופן (ס'איז געווען אַ קרובה פון פון די משפחה), און זי האָט געפרעגט וואָס איז געווען אַזוי וויכטיג צו טעלעפאָנירן צו איר נאָכאַנאַנד. האָט יענע קרובה געענטפערט, אַז די גאַנצע משפחה האָט זיך אָפּגעשמועסט צו מאַכן אַ 'קאָנפערענץ קאָל' אויפ'ן טעלעפאָן און זאָגן צוזאַמען תהלים, און מ'האָט אָפּגעשמוסט צו זאָגן תהלים, **צען מינוט נאָך אַכט**... פונקט אין דער מינוט ווען ער האָט זיך ערוועקט פון זיין טיפן שלאָף...

זעהען מיר פון דעם ווי גרויס ס'איז דער כח פון תפילה, נישט נאָר נאָך דעם ווי מ'האָט שוין מתפלל געווען, נאָר **די צייט** וואָס מ'האָט אָפּגעשמועסט מתפלל צו זיין, האָט שוין גע'פועל'ט די ישועה, ווייל אין דער סעקונדע ווען מ'האָט אָנגעהויבן זאָגן תהלים, האָט ער זיך ערוועקט פון זיין טיפן שלאָף...

אגב, לייגט ער צו, אַז מ'האָט איהם שפּעטער געשיקט צו אַ 'רעהאַביליטאַציע' צענטער ספּעציעל פאַר האַרץ פּאַציענטן, אין צענטער פון תל אביב, און ער איז שוין אַהין געפאָרן מאַכן עטליכע טעסטן, אין צוגרייטונג צו זיין אָנקומען אַהין. ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס פּלאַץ איז בכלל נישט צוגעפּאַסט פאַר ערליכע אידן (אין צניעות און יראת שמים), אָבער עס האָט אויסגעזעהן אַז ס'איז נישט דאָ קיין אַנדערע ברירה, נאָר צו מאַכן די רעהאַביליטאַציע דאָרטן.

דאַן האָט ער געטראָפן זיינס אַ ידיד וואָס לערנט מיט איהם אין 'כולל חזון איש' אין בני ברק, און יענער האָט איהם דערציילט, אַז ער דאַרף אַריבערגיין אַן אַן ערנסטן 'צינתור' (צו עפענען די אָדערן פונעם האַרץ, אַז דאָס בלוט זאָל קענען פליסן בעסער), און

זיין דאָקטאָר האָט איהם געשיקט אין דעם פרומען שפּיטאָל 'מעייני הישועה' אין בני ברק. אַ געוויסער עסקן האָט איהם אָבער געראטן צו גיין אין אַ שפּיטאָל אין תל אביב, ווייל לויט זיין מיינונג, זענען די דאָקטוירים דאָרט מער דערפאַרן אויף דעם געביט פון האַרץ אָפּעראַציעס. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו גיין דווקא אין 'מעייני הישועה' שפּיטאָל. האָט ער געפרעגט זיין פריינט: איר זענט רואיג צו מאַכן די אָפּעראַציע אין 'מעייני הישועה', און יענער האָט געענטפערט: צו גיין קיין תל אביב איז אַ שאלה פון אַ 'דאורייתא' (צוליב דעם לאו פון 'ולא תתורו'), איך בין נישט גרייט צו גיין צוליב 'אַ בעסערן אָרט' קיין תל אביב...

דערציילט דער איד: 'ווען איך האָב געהערט פון מיין ידיד אַזעלכע קלאָרע ווערטער, האָב איך באַשלאָסן בטל צו מאַכן מיין 'רעהאַביליטאַציע' אין יענעם אָרט אין תל אביב, און כ'בין אויך געגאַנגען צו אַן אָרט וואו עס זענען נישט דאָ קיין נסיונות פון שמירת עינים. ווען איך האָב דערציילט שפּעטער פאַר מיין ידיד, אַז אין זיין זכות בין איך נישט געגאַנגען אויף די רעהאַביליטאַציע אין תל אביב, האָט ער מיר געזאָגט: איר ווילט מסתמא וויסן פון וואו האָב איך גענומען די כוחות בייצושטיין דעם נסיון, וועל אייך אייך זאָגן. אַרום זעכציג יאָר צוריק, האָב איך געלערנט אין דער ישיבה אין כפר חסידים, וואו הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל איז געווען דער משגיח אין ישיבה. אַמאָל האָט רבי אליהו געבעטן ביי אַ 'ועד' (אַ שיעור ביי אַ 'חבורה') אַז מ'זאָל איהם ברענגען אַ מסכתא בבא בתרא. ער האָט געעפענט אויף דף נ"ז עמוד ב', וואו די גמרא זאָגט וועגן איינעם וואָס איז אַן 'עוצם עיניו מראות ברע', ער האַלט זיך צוריק די אויגן פון קוקט דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, און ער האָט פאָרגעזאָגט די ווערטער פון די גמרא: 'אי איכא דרכא אחרינא' - אויב ס'איז דאָ אַן אַנדערער וועג... און דאַן, האָט ער זיך צעשריגן: 'רשע!... רשע!...' **זינט דאַן, קלינגט מיר אין די אויערן דער געשריי פון דעם משגיח, 'רשע... רשע'... עס גיט מיר ממש נישט קיין מנוחה, עס לאָזט מיך נישט נאָכגיין נאָך מיינע אויגן'.**

[מען דארף באַטאָנען, אַז אַוודאי, ווען עס האַנדלט זיך אינעם געזונט פונעם קערפּער, דאַרף דער מענטש טוהן אַלעס מעגליכעס צו זיין געזונט, 'פיקוח נפש' איז דאָך דוחה די גאַנצע תורה... ער זאָל יאָ גיין אַהין, און היטן זיינע אויגן. דאָ זעהען מיר אָבער, אַז מען 'מעג' גיין אויך צו אַן אָרט וואו ס'איז 'אויך' דאָ מומחים (אויך אויב זיי זענען אַביסל נישט ממש אַזוי ערפאַרן ווי אויף דעם אַנדערן אָרט...), כדי זיך צו היטן פון נסיונות אין שמירת העינים].

דער 'בן יהוידע' זאָגט (סוטה ח., ד"ה 'אין יצר הרע') אַז דאָס וואָרט **'ראיה'** באַטרעפט 216, אַזוי ווי **'גבורה'**, מרמז צו זיין אַז **די הויפּט-שטאַרקייט פונעם מענטש ביי די מלחמה מיט'ן יצר הרע, איז אין זיין ראיה**, ווייל דאָרט טוט דער יצר הרע געוועלטיגן

שרייבט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע, אין 'עבודת ישראל' (לחמשה עשר באב) וועגן די גרויסקייט פון דעם גרויסן טאָג, אַז עס איז אַ זמן פון המתקת הדינים, און נאָך מער: חמשה עשר באב שטייט 'אויף איין דרגא' מיט יום כיפור (זעה דאָרט, א טעם על פי סוד).

וועגן דעם טאָג פון חמשה עשר באב, זאָגט די גמרא (תענית לא.) אַז פון דאַן און ווייטער, דער וואָס וועט מוסיף זיין צו לערנען[א] אויך אין אָוונט (אין צוגאָב צו די טעג) איז מען איהם מוסיף פון הימל יאָרן צום לעבן (רש"י, דאָרט). דאַרף יעדער זעהן אויף 'למעשה', מוסיף צו זיין אין לימוד התורה פון חמשה עשר באב און ווייטער. 'אחד המרבה, ואחד הממעיט', דער עיקר איז, אַז מ'זאָל צולייגן אַמווייניגסטענס אַ געוויסע צייט מער ווי די שיעורים ביז יעצט... און מ'זאָל עס

ח"ו אויפ'ן מענטש, און דאָס איז די טיר וואו דער יצר הרע כאַפּט זיך אַריין חלילה אינעם מענטש.

מן הבאר

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל געבעטן הגה"צ רבי זונדל קרויזער זצ"ל, פון די גדולי ירושלים, ער זאָל איהם אָנווייזן אויף אַ גוטע קבלה וואָס ער זאָל נעמען אויף זיך אַלס אַ חיזוק אין תורה. האָט רבי זונדל איהם געזאָגט: דו זאָלסט מוסיף זיין נאָך **איין מינוט** צו דיין סדר הלימוד יעדן טאָג. האָט דער יונגערמאַן זיך געוואונדערט: וואָס פאַר אַ חשיבות האָט דען איין איינצעלנע מינוט, פון אַ גאַנצן מעת לעת? האָט רבי זונדל איהם געזאָגט: - חז"ל זאָגן אַז פון חמשה עשר באב און ווייטער, 'מאן דמוסיף יוסיף'. זאָגט דער רשב"ם ז"ל (ב"ב קכא: ד"ה 'מט"ו') אַז מ'איז מוסיף יאָרן צום לעבן פון מענטש, וויבאַלד די טעג ווערן קירצער און די נעכט פאַרלענגערן זיך, קען מען לערנען מער תורה (ווייל מ'פלעגט דאָך אַרבעטן נאָר בייטאָג, נישט ביינאַכט). די גאַנצע 'פאַרלענגערונג' פון די נאַכט אויף דעם טאָג פון חמשה עשר באב, איז דאָך נישט מער ווי **איין איינציגע סעקונדע**... און אויף דעם מאַכט מען אַזאַ יום טוב, אַזוי ווייט אַז 'לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב'. זעהט מען דאָך פון דעם אַז **ס'איז כדאי צו נעמען אויף זיך אַ גוטע 'קבלה', צו לערנען אַפילו איין סעקונדע מער...**

יא. די גמרא זאָגט, אַז איינע פון די טעמים פאַרוואָס חמשה עשר באב איז אַ יום טוב, איז ווייל אין דעם טאָג, האָט מען אויפגעהערט שניידן דאָס האָלץ פאַר

נישט גרינגשעצן, ווייל יעדע הוספה, אַפילו אַ קליינע הוספה, ווערט אויך גערעכענט אַלם אַ 'הוספה'[יב].

אויך ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אַז חמשה עשר באב איז די צייט אָנצוהייבן אויך מיט תשובה טוהן אַלס אַ הכנה צו ראש השנה הבא עלינו לטובה[יג], ווי עס שרייבט דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע (ליקוטים, ד"ה 'מחמשה'), אַז חמשה עשר באב איז אַזוי ווי די פערציג טעג פאַר 'יצירת הולד'

די 'מערכה', דאָס פייער וואָס האָט געברענט אויף דעם מזבח אין בית המקדש. זאָגט רבינו גרשום (ב"ב קכא:) אַז כל זמן מ'איז געווען פאַרנומען צו שניידן דיביימער פון די מערכה, האָט מען בשעת מעשה מבטל געווען צייט פון לערנען, דעריבער איז דער טאָג פון ט"ו באב אַ יום טוב, ווייל פון יעצט און ווייטער, האָט מען שוין געקענט לערנען מער תורה. און כאָטש ביז יעצט האָט מען דאָך אויך מקיים געווען אַ מצוה, וואָס איז דוחה דעם ענין פון תלמוד תורה, אָבער **וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס איז זוכה צו לערנען תורה, 'אין לך שמחה גדולה מזו'**... ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע שמחה ווי זיצן און לערנען די הייליגע תורה הקדושה.

יב. ס'איז באַקאַנט, אַז דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, האָט געזאָגט אַז איינער וואָס ס'איז אַריבער אויף איהם אַפילו איין טאָג פון חמשה עשר באב און ווייטער, אָן לערנען אַ בלאַט גמרא, זאָל נישט דינען אַלס דער 'שליח ציבור' ביים עמוד אין די הייליגע טעג הבעל"ט. דאָס האָט ער געזאָגט אויף דעם באַפעל פון זיין גרויסן רבי'ן, הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק.

יג. צדיקים האָבן געזאָגט, אַז **פון חמשה עשר באב און ווייטער, הערט מען שוין ווי מען 'רוקט די בענקלעך' ביים בית דין של מעלה, מ'גרייט זיי שוין צום יום הדין**, און אַסאַך אידן פירן זיך טאַקע צו ווינטשן אַ 'כתיבה וחתימה טובה' פון חמשה עשר באב און ווייטער. אויך איז ידוע אַז די ווערטער 'חמשה עשר באב', באַטרעפן די זעלבע צאָל ווי 'כתיבה וחתימה טובה'. און אויב אין הימל הייבט מען שוין יעצט אָן מיט די הכנות צום יום הדין הבעל"ט, איז דאָך נישט מער ווי רעכט אַז אַזוי זאָל מען אויך טוהן דאָ, 'בארץ מתחת'...

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין 'קובץ הבאר', כרך ראשון שני שנת חמשה עשר, יו"ל שנת תרצ"ו, אין נאָמען פון הרה"ק רבי יעקב משה מקאָמאַרנא זי"ע, אַז ער האָט עס געהערט פון הייליגן טריסקער מגיד זי"ע, וואָס ער האָט אַזוי נאָכגעזאָגט פון זיין זיידן הרה"ק בעל 'מאור עינים' זי"ע, אַז ער האָט עס מקבל געווען פון דעם בעל שם טוב, 'שקיבל מרבו אחיה השילוני'), אַז לויט וויפיל מאָל אַ איד ווינטשט פאַר זיין חבר אַ 'כתיבה וחתימה טובה', פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אַזוי פיל גוטע מליצי יושר וועט ער

(ווען דאָס קינד ווערט באַשאַפן, זעה סוטה ב.), ווייל אדם הראשון איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין דעם פינף און צוואָנציגסטן טאָג פון חודש אלול. ממילא, איז חמשה עשר באב 'ארבעים יום קודם יצירת הולד', פון די גאַנצע וועלט. זעהט מען פון דעם, אַז יעצט פאַנגט זיך שוין אָן דער אָנהייב פונעם נייעם יאָר הבא עלינו לטובה.

עס שטייט אין ספה"ק 'בת עין' (פ' עקב, ד"ה 'או יאמר והיה'), אויפ'ן פסוק (דברים י, יב) 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך', אַז דאָס וואָרט 'מה' איז מרמז אויף חמשה עשר באב, ווייל פון דעם טאָג ביז ראש השנה, זענען דאָ 45 טעג. דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'ועתה ישראל, מה' - חמשה עשר באב, וואָס איז 45 טעג פאַר ראש השנה, 'ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך ולאהבה אותו' וגו', פאַרלאַנגט שוין דער אויבערשטער פון דיר מורא צו האָבן פון איהם, און אויך איהם ליב צו האָבן, אויף אַ גרעסערע בחינה ווי פריער.

אויך זאָגן די ספרים אַ רמז אויפ'ן פסוק (דברים כט, ט-יא) 'אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלוקיכם וגו', מחוטב עציך עד שואב מימיך, לעברך בברית ה' אלוקיך'. 'חוטב עציך' איז מרמז אויף חמשה עשר באב, ווייל דעמאָלס האָט מען אויפגעהערט צו האַקן האָלץ עס צו לייגן אויף די 'מערכה' (דער פייער וואָס האָט געברענט אויף דעם מזבח), און 'שואב מימיך' איז מרמז אויף דעם טאָג פון הושענא רבא, ווען מ'האָט אויפגעהערט צו גיסן וואַסער אויף דעם מזבח (אין יום טוב סוכות). אין משך פון די אַלע טעג, פון ט"ו באב ביז הושענא רבא, זענען אידן אין אַ בחינה פון 'אתם נצבים לפני ה' אלוקיכם', וואָס דער תכלית דערפון איז 'לעברך בברית ה' אלוקיך'.

מיר ווייסן דאָך אַז 'קריאה מעורר הזמן'. אי"ה היינטיגן שבת, פרשת ואתחנן, ווען מיר לייענען די 'עשרת הדברות',

---

האָבן אין הימל, מלאכים וואָס וועלן זאָגן גוטס אויף איהם ווען עס וועלן קומען די ימי המשפט, ווי חז"ל זאָגן, 'כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון'.

ס'איז באַקאַנט דער פחד וואָס האָט געהערשט ביי הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע פון חמשה עשר באב און ווייטער. מ'האָט ממש געמוזט צודעקן דעם בעלזער רב מיט דיקע קאָלדרעס, מער ווי אַ גאַנץ יאָר. ער האָט אַמאָל געזאָגט: אין מיין יוגענט, האָט מיין שוועסטער מיר געזאָגט פון שבת מברכים חודש אלול, ציטערן שוין אַפילו די פיש אין ים פון פחד יום הדין. האָב איך געטראַכט ביי זיך, אַז אויב די פיש אין וואַסער, וואָס 'פאַרשטייען' גאָרנישט וואָס עס מיינט אַ יום הדין, ציטערן פון פחד, איז דאָך מיר, מענטשן, וואָס ווייסן אַז מ'טוט שוין 'רוקן די בענקלעך' אויבן ביים בית דין של מעלה, דאַרפן מיר דאָך אַוודאי ציטערן...

און דאָס איז מעורר דעם מענטש צו קבלת התורה, מ׳זאָל פונדאָסניי נעמען אויף זיך מקיים צו זיין און לערנען די הייליגע תורה, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה.

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין, מיר און אונזערע קינדער, לדעת את ה׳ אלוקינו, און געטרייסט צו ווערן מיט די דאָפּלטע נחמה, ובא לציון גואל, במהרה בימינו אמן.

'אשר לו אלוקים קרובים אליו'

אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ד, ז) **'כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו, כה' אלוקינו בכל קראינו אליו'**, דערציילט דער מדרש (דב"ר פ"ב, טז) רבי תנחומא האָט געזאָגט, אַ שיף איז געפאָרן אויפ'ן ים. אויף די שיף איז געווען בלויז איין איד, צווישן הונדערטער גוים. ווען די שיף איז אָנגעקומען ביי אַן אינזל, האָבן די גוים געגעבן געלט פאַר דעם איד, און איהם געבעטן אַרויפצוגיין אויף דעם אינזל, און ברענגען פון דאָרט עסן און געטראַנקען. האָט דער איד זיי געזאָגט: איך בין דאָך אויך אַ פרעמדער דאָ אויף דעם אינזל. איך ווייס נישט וואו צו גיין, פונקט אַזוי ווי איר ווייסט נישט... האָבן די גוים איהם געזאָגט: **'איבעראל וואו דו גייסט, גייט-מיט דיין באַשעפער מיט דיר, ווייל עס שטייט דאָך אַזוי אין די תורה, 'אשר לו אלוקים קרובים אליו'.**

דאס איז דער טריקענע פאקט, **אַ איד קען נישט זאָגן אַז ער איז בלויז ווי אַ גאַסט, ווייל ער איז דאָך קיינמאָל נישט אַליין.** איבעראל וואו ער גייט, האָט ער אַ באַשעפער וואָס איז נאָנט צו איהם. ממילא, גייט ער אייביג מיט דעם אויבערשטען כביכול, און ער איז קיינמאָל נישט עלענד און אַליין...

די מעשה דארף מען כסדר חזר'ן און גערענקען אויף הלכה ולמעשה. אויב אַ פּאָר פּראָסטע גוים האָבן פאַרשטאַנען אַז אַ איד איז קיינמאָל נישט אַליין, ווייל וואו ער גייט, גייט דער אויבערשטער מיט איהם, דאַרפן מיר, אידישע קינדער, אַוודאי איינוואָרצלען אין אונזערע הערצער אַז דער אויבערשטער באַגלייט אונז אויף יעדן שריט און טריט.

הגה"צ רבי דן סגל שליט"א דערציילט, אַז איינער פון די גדולים אין טוניס, איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן וועג מיט צוויי פון זיינע תלמידים. אויפ'ן וועג איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אַראַבער, אַ רויבער, וועלכער האָט זיי געזאָגט אַז ער גרייט זיך צו הרג'ענען רח"ל דעם רב. די צוויי תלמידים האָבן פּרובירט פועל'ן ביי דעם רויבער צו לאָזן לעבן דעם רב. דער מערדערישן רויבער איז אָבער געווען שטייף און זיך נישט צוגעהערט צו זייערע געבעטן. ער האָט זיי געסטראַשעט, אַז אויב זיי וועלן איהם

צופיל 'שטערן' אין זיין 'אַרבעט', וועט ער אויך זיי אומברענגען ח"ו. ווען דער רב האָט געזעהן אַז דער אַראַבישער רוצח מיינט עס ערנסט, האָט ער געזאָגט צו זיינע צוויי תלמידים, אַז צוליב 'פּיקוח נפש' דאַרפן זיי פאַרלאָזן דאָס אָרט, און מיט וויטאָג און פאַרטרערטע אויגן, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער רבי'ן מיט דעם אַראַבער, דעם מערדער. דאַן האָבן זיי זיך געשטעלט אַביסל ווייטער, אָפּגערוקט פון דאָרט, כדי צו זעהן וואָס דאָ וועט פּאַסירן.

דערנאָך האָט דער מערדער געזאָגט פאַר דעם רב, ער זאָל אויסדרוקן זיין לעצטן ווּאונטש, און ער וועט עס איהם נאָכגעבן. האָט דער רב געבעטן ער זאָל איהם ברענגען וואַסער צו טרינקען, און דער רב האָט געמאַכט מיט התלהבות און הויך אויפ'ן קול די ברכה 'שהכל נהיה בדברו'. נאָך איידער דער רב האָט באַוויזן אויסצוטרינקען דעם גאַנצן גלאָז, איז פּונקט אָנגעקומען אַן אַראַבישער 'שעיך', אַליין אַ לאַנגיאָריגער בלוטיגער שונא ישראל, און באַפוילן פאַר דעם מערדער צו לאָזן לעבן דעם רב. 'דו קענסט טוהן מיט אַנדערע אידן וואָס דו ווילסט, אָבער דעם רב מוזטו לאָזן לעבן'... דער מערדער האָט געמוזט פאָלגן דעם שעיכ'ס באַפעל, און ער האָט אַרויסגעלאָזט פריי דעם רב. דאַן איז ער געגאַנגען זוכן די צוויי תלמידים, וועלכע זענען דערוויל אַנטלאָפן פונעם אָרט. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך באַגעגענט מיט'ן רב, האָבן די צוויי תלמידים געפרעגט זייער רבי'ן, פאַרוואָס ער האָט פּונקט געבעטן אַ גלאָז וואַסער צו טרינקען פאַר'ן פאַרלאָזן די וועלט ח"ו. האָט דער רב זיי געענטפערט: 'מיינט איר דען באמת, אַז איך האָב געדאַרפט טרינקען וואַסער? איך האָב געוואָלט מאַכן די ברכה 'שהכל נהיה בדברו', כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן, ווייל איך האָב בקבלה, אַז **ווען מ'מאַכט די ברכה 'שהכל' מיט כוונה, צעררייסט מען אַלע שלעכטע גזירות.** ס'איז נישט דאָ אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט וואָס קען טוהן שלעכטס ח"ו פאַר אַ איד וואָס גלייבט באמת אַז 'אין עוד מלבדו', און אַז 'שהכל נהיה בדברו', ווי הגאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל שרייבט אין ספר 'נפש החיים', **אַז עס איז אַ וואונדערליכע סגולה מבטל צו זיין אַלע דינים, אַז קיינער זאָל נישט קענען האָבן אַ שליטה אויפ'ן מענטש, ווען ער באַשליסט ביי זיך אין האַרצן מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז 'אין עוד מלבדו'** - דער אויבערשטער איז דער אמת'דיגער באַשעפער (ספר 'נוטרי אמן', ח"א, ע' קכה).